# דער שענק

## פֿון יוגנטרוף-ייִדיש-וואָכניקעס, 2010
## רפֿאל פֿינקל, רעדאַקטאָר

דערציייל מיר פֿונעם שענק,
טרינקען, טאַנצן, אוי אוי אוי
דערציייל מיר פֿונעם שענק,
אַ מחיה, אָט אַזוי.

חבֿרים פראַוועו שׂימחות דאָרט
געבוירן-טעג און סתּם אַזוי
געטראַנק אין האַנט אין מויל אַ טאָרט
דערטרינקען צרות ייִד און גוי!

אַ שענק איז ניט פֿאַר קינדערלעך,
דאָס זעט מען אַז מען טרעט אַרײַן.
אַ קינד וואָס טראָגט נאָך וויגדעלעך
שלינגט ניט בראָנפֿן, טרינקט ניט ווײַן!

אין שענק אַרײַן בין איך אַ מאָל
עס טאַנצט די באָבע אויפֿן טיש
ווײַל משקה טרינקט זי אָן אַ צאָל
און שטאָפּט זיך מיט געפֿילטע פֿיש!